בס"ד

דער בלעטל

# טיב הקהילה

אויף אידיש

יו"ל ע"י קהילת שבתי בבית ד'

בנשיאות מורנו ורבנו הרה"צ

רבי גמליאל הכהן רבינוביץ שליט"א

פר' יתרו

כ' שבט תשפ"ג

די צייטן לויט אופק ירושלים

**זמני הדלקת הנרות ומוצ"ש**

| | |
|---|---|
| הדה"נ | 4:45 |
| מוצש"ק | 5:59 |
| ר"ת | 6:39 |

**סוף זמן קריאת שמע ותפילה**

| | | | |
|---|---|---|---|
| סוזק"ש א' | 8:23 | סוז"ת א' | 9:33 |
| סוזק"ש ב' | 9:06 | סוז"ת ב' | 10:02 |

די צייטן לויט די ווינטער זייגער

גליון מס': יז

## טיב המערכת

### ויִשמע יתרו

עס איז אמאל געווען א חסיד, וועלכער האט זיך געפינען ביי זיין רבי'ן א שטיק צייט, און ווען ער האט זיך געוואלט געזעגענען און צוריק אהיימפארן, האט זיין רבי געזאגט צו אים: איך האב שוין אזויפיל געארבעט מיט דיר און משקיע געווען אין דיר, יעצט ווען דו גייסט אוועק פון דא איז מעגליך אז דו וועסט אלעס דערלייגן, דעריבער וויל איך אז דו זאלסט זוכן אן עצה וויאזוי דו וועסט קענען בלייבן אויף דיין מדריגה און נישט פאלן, און דעמאלטס וועל איך דיך קענען געבן דעם ברכת הדרך און דיר געזעגענען.

דער חסיד האט געטראכט א שטיק צייט, און צום סוף האט ער געענטפערט דעם רבי'ן, אז ווען ער וועט אנקומען צוריק צו זיין שטאט, וועט ער נישט גלייך אהיימגיין, נאר צום ערשט וועט ער זיך טרעפן א גוטן חבר מיט וועם ער וועט קענען רעדן איבער אלע גוטע זאכן וואס ווען אים ארויפקומען אין הארץ, און נאר דערנאך וועט ער אריינגיין אין זיין הויז. ווען דער רבי האט דאס געהערט, האט ער זיך געפריידט, זאגנדיג אז דאס איז טאקע געווען זיין כוונה.

• • •

עס איז באוואוסט דער מנהג פון די חסידים, אז מען זיצט און מען דערציילט סיפורי צדיקים און דורכדעם שטארקט מען זיך אין תורה און אין עבודת השי"ת. טייל מענטשן האבן געטראכט אז דאס איז א צייט פארברענגעריי און ביטול תורה. דאס איז אבער נישט ריכטיג, אזוי ווי רבי נחמן ברסלב'ער זיע"א האט עדות געזאגט, אז אסאך פון דאס צו וואס ער האט זוכה געווען איז געקומען צוליב דעם וואס ער פלעגט זיצן ביי די עלטערע חסידים וועלכע זענען געזעצן און האבן דערציילט מעשיות פון זיין זיידן, דער הייליגער בעל שם טוב זיע"א.

'וישמע יתרו', פרעגט רש"י 'מה שמועה שמע ובא? קריעת ים סוף ומלחמת עמלק'. איז שווער די קשיא – האט דען נאר יתרו געהערט? וואס איז מיט די אנדערע פעלקער פון די וועלט, האבן זיי דען נישט געהערט? אין די גאנצע וועלט האט מען דאך געהערט און געפילט דעם קריעת ים סוף! אויב אזוי, וואו זענען די אנדערע מיליאנען מענטש געווען? ווען זיי האבן געהערט וועגן קריעת ים סוף, פארוואס האבן זיי זיך נישט מגייר געווען?

נאר, געהערט האבן אלע, אויך יתרו און אויך אלע פעלקער פון די ערד, דער אונטערשייד איז נאר אז יתרו האט נישט נאר געהערט, נאר אויך 'דערהערט', ער האט צוגעלייגט קאפ און אריינגעטראכט אין דאס וואס ער האט געהערט, און גלייך האט ער פארשטאנען אז ער וויל אז זיין טייל זאל זיין מיטן עַם הַנִּבְחָר. דאגעגן די אנדערע פעלקער האבן נישט דערהערט דאס וואס זיי האבן געהערט, נאר האבן געלאזט די ווערטער אריבערלויפן נעבן זייער אויער, זיך באציענדיג צו דעם אזוי ווי עס וואלט געווען סתם עפעס א שטיקל נייעס, און דערפאר האבן זיי נישט זוכה געווען אנצוקומען דורכדעם צו קיין שום הבנה, און זענען געבליבן פונקט די זעלבע ווי זיי זענען געווען פריער - גוים.

(עפ"י טיב התורה-יתרו)

## טיב הפרשה

# די מצוה פון כיבוד אם ואב איז מקרב די גאולה

אין די וואכעדיגע פרשה לערנען מיר די עשרת הדברות. איינס פון די צען דברות וואס השי"ת האט געהייסן פאר כלל ישראל איז געווען די מצוה פון מכבד זיין א טאטע מיט א מאמע.

עס איז דא א מורא'דיגע תנא דבי אליהו. ער שטעלט זיך איבער די סמיכות פון די מצוה פון כיבוד אב ואם צו שמירת שבת. ער זאגט אז די סמיכות קומט אונז אויסצולערנען אז אפילו אויב א איד איז ליידער נכשל געווארן אין די הארבע עבירה פון חילול שבת, אויב איז ער מכבד זיינע עלטערן איז מען אים מוחל די עבירה.

מיר ווייסן אז חילול שבת איז איינס פון די הארבסטע עבירות וואס איז דא ביים כלל ישראל. אז מען איז עובר אויף חילול שבת במזיד איז די עונש סקילה און מיט דעם אלעם, אויב איז דער איד מכבד זיינע עלטערן, איז מען אים מוחל די עבירה.

די מצוה פון כיבוד אב ואם איז זייער א חשוב'ע מצד אחד און עס איז אויך זייער הארב. עס איז א שווערע מצוה, אסאך מאל איז שווער אנצונעמען וואס די עלטערן זאגן, אבער דאס איז איינער פון די באפעלן פון די תורה.

מען זעט בחוש אז ווער עס איז מזלזל אין די מצוה, איז ליידער אויך מזלזל אין אנדערע זאכן. מען זעט עס ליידער ביי בחורים וואס הייבן אן גליטשן פון די ערליכע וועג צו וועלכער זיי זענען געווארן ערצויגן. ביים אנהייב פון די גליטשן ווערן זיי ערשט מזלזל זיין אין זייערע עלטערן און אפלאכן פון זיי, אז זיי זענען פאנאטיש, אז זיי זענען צוריקגעבליבן און פון דארט און ווייטער ווערן זיי ליידער גייען ווייטער און ווייטער, מדחי אל דחי ה"י.

עס איז אזוי ווייל אז מען איז מזלזל אין די מצוה פון כיבוד אב ואם, פארלירט מען די סייעתא דשמיא, וואס האט באגלייט דער מענטש אין אלע זיינע וועגן.

דער מדרש רעדט זייער שארף וועגן די מצוה. ער זאגט אז ווען הקב"ה זעט וויאזוי אידן זענען מכבד זייערע עלטערן ווערט אין הימל א התעוררות פאר די גאולה. די שכינה קוקט אראפ אונטן און זאגט אז אויב די אידן זענען מכבד זייערע עלטערן וועלן זיי זיכער מיר אויך שעצן און מכבד זיין און איך וועל זיי קענען אויסלייזן, אבער אויב עס געשעט די פארקערטע, אז די שכינה זעט ווי די קינדער

>>> המשך אין עמוד ב'

זמנים
אויף קבלת קהל
0534-100024

טיב
ההודעות

מען קען הערן שמועס'ן און דרשות
פון מורנו ורבנו שליט"א - אין א עקסטערע נומער
אידיש: 073-2951321 לשה"ק: 073-2951320

יו"ר הוועדה הרוחנית: ר' יעקב רבינוביץ | עורך: ש. גולדשטיין

זענען ליידער נישט מכבד די עלטערן געשעט חלילה די פארקערטע ה"י.

אסאך מאל קומען אריין צו מיר אידן און רעדן זיך אויס זייער הארץ איבער שוועריגקייטן וואס זיי גייען אריבער. זיי דערציילן מיר וויפיל זיי מוטשענען זיך מיט זייערע קינדער, אז זיי האבן אסאך צער גידול בנים און זיי בעטן אן עצה ארויסצוגיין פון זייער צרה.

איך וועל זיי זאגן אז זיי זאלן זיך מאכן א חשבון הנפש וויאזוי איז זייער כיבוד אב ואם, צי האבן זיי נישט פוגע געווען אין זייערע עלטערן. נישט אלעמאל איז די פגיעה א לעצטערע זאך. אסאך מאל רעדט מען פון א זאך וואס האט פאסירט מיט יארן צוריק און איך זאג זיי אז זיי זאלן צוריקטראכטן צו זייערע בחור'ישע יארן אדער קינדעריש'ע יארן, צי זיי האבן דעמאלטס נישט פוגע געווען אין זייערע עלטערן און זיי גייען איבערבעטן די עלטערן פאר די צער וואס זיי האבן זיי גורם געווען.

מיין טאטע זצ"ל פלעגט אלעמאל איבערזאגן דער טייטש 'וראה בנים לבניך שלום על ישראל' אז ווען מען האט אייגענע קינדער מאכט מען שלום מיט די עלטערן.

און ער האט געגעבן צו פארשטיין דער מימרא אז דער סדר העולם איז אז א קינד האט אסאך מאל טענות אויף זיינע עלטערן אבער ווען דער קינד וואקסט אונטער און ער האט אייגענע קינדער און ער זעט איין ווי שווער עס איז זיי מחנך צו זיין, ער שפירט די ווייטאג וואס מען האט ווען די קינדער פאלגן נישט, פארשטייט ער אויף צוריקציוועגס ווי שווער עס איז געווען פאר זיינע עלטערן, וויפיל עגמת נפש ער האט זיי אנגעמאכט און ער בעט זיי איבער און ער מאכט שלום מיט זיי.

בשמו פון סאטמארער רב זי"ע זאגט מען נאך אז עלטערן קענען נאך משלים זיין ווען קינדער האלטן זיך קלוגער ווי זיי ווען זיי זענען אין די יונגע יארן אבער ווען דער קינד האלט זיך קלוגער, אויך ווען ער איז שוין אויף די עלטער, דאס טוט זייער וויי פאר די עלטערן.

איך האב זיך אמאל מתבונן געווען אין דער איינגעפירטער מנהג אז מען בענטשט קינדער שבת ביינאכט. עס איז מיר אויסגעקומען אז אסאך מאל דורכאויס די וואך איז דא אנגעצויגנקייטן צווישן די עלטערן און די קינדער און עס געשעט אמאל אז די ווייטאג איז אזוי גרויס, אז דער טאטע האט באמת א שווער הארץ אויפ'ן קינד.

און אז א טאטע האט א שווער הארץ אויף זיין קינד קען עס גורם זיין א קטרוג אויפ'ן קינד.

מיר ווייסן דאך אז שבת ביינאכט איז א גרויסער עת רצון, עס איז א צייט פון שפע, אין יענע מינוטן ווערט נשפע פאר'ן איד אסאך שפע און מען זארגט זיך אז די שפע וועט נישט קענען נשפע ווערן פאר'ן איד, ווייל די קטרוג וועט שטערן, האט מען איינגעפירט אז ווען עס קומט אריין די שבת בענטשט מען די קינדער, אז דער טאטע זאל אראפנעמען זיין קפידא און אז די שפע זאל קענען רוען אויפ'ן קינד.

ווען מיר וועלן זיך מתבונן זיין אין די גרויסקייט פון כיבוד אב ואם, די גרויסקייט וואס זי האט, די סגולות און שפע וואס זי ברענגט אראפ אז די תוה"ק האט צוגעזאגט אריכות ימים פאר ווער עס איז מקיים די מצוה, און דאגעגן די גרויסע אחריות וואס מען האט דערפאר און זיך משתדל זיין עס צו היטן וועט מקויים ווערן די ווערטער פון די דערמאנטע מדרש אז בשכר זה וועט מען זוכה זיין ארויסצוגיין פון די ביטערע גלות און צו הערן די שופר של משיח.

# טיב ההשגחה

## מעשיות אויף השגחה פרטית

### געשריבן דורך לייענערס

## א שטרייאל אויף סוכות

ווען איך האב געדארפט צופארן ערב יום כיפור פון איין פלאץ צו די צווייטע האב איך אפגעשטעלט א לאקאלע טעקסי.

אינדרויסן איז געווען הייס און אריינקומענדיג אין די קאר, האב איך אויסגעטון מיין שטריימל און עס אראפגעלייגט אויפ'ן זיץ.

אזוי פארנדיג אין טעקסי האב איך באמערקט אז דער טעקסי דרייווער איז א פריוואטע טעקסי דרייווער, ער האט נישט געהערט צו א באשטימטער טעקסי פירמע.

עס איז ערב יום כיפור אויף די וועלט. איך האב זיך געוואלט אנגרייטן צום יום הדין. אין אזא צייט איז נישט פאסיג צו פארברענגען מיט טעקסי דרייווער אבער אינמיטן וועג, האב איך אנגעהויבן טראכטן וועגן דער דרייווער, אויב איז ער א איד, צי עס וועט אים איבערבלייבן גענוג צייט זיך צו קענען אומקערן אהיים באצייטנס, אויב כ'וועל אים נוצן, איך האב אים נישט געוואלט מכשיל זיין חלילה און אים געפרעגט וואו ער וואוינט.

"איך וואוין נעבן הר הזיתים". האט דער דרייווער געענטפערט.

די תשובה האט מיר באפרידיגט. לויט די געגנט האב איך פארשטאנען אז דער דרייווער איז גאר אן אראבער, ווייל נאר זיי וואוינען אין יענע געגנט.

ווען מיר זענען אנגעקומען צו מיין ציל האב איך ארויסשפאצירט פון די קאר אין איילעניש און איך האב פארגעסן אין איר מיין שטריימל. ווען איך האב זיך געכאפט אז מיין שטריימל איז שוין נישט דא, איז דער טעקסי שוין לאנג נישט געווען דארט.

"נאך א מזל אז יום כיפור דארף מען נישט קיין שטריימל". האב איך זיך געטרייסט אבער גלייך נאך יום כיפור האב איך זיך אנגעהויבן נאכפרעגן ביי מיינע חברים צי זיי האבן א געדאנק וויאזוי איך קען אנקומען צו דעם דרייווער.

איך האב זיי געזאגט אז די איינציגסטע אינפארמאציע וואס איך האב ביי מיר איז אז דער דרייווער וואוינט אין דער הר הזיתים געגנט.

מיטטיילנדיג די אינפארמאציע מיט א איד האט ער מיר געזאגט אז ער האט א חבר וואס איז יארן לאנג געווען א טעקסי דרייווער און ער טראכט אז ער קען אים פראבירן פרעגן וואס ער זאגט דערצו.

מיין חבר האט אנגעקלינגען יענעם איד. דער איד האט אים באשטעטיגט אז ער קען אן אראבישע טעקסי דרייווער פון די הר הזיתים געגנט. דער איד האט זיך פאר מיינעטוועגן פארבינדן מיט דער טעקסי דרייווער און יא! עס האט זיך ארויסגעשטעלט אז ער איז דער געזוכטער טעקסי דרייווער.

"דיין הארי גע הוט ליגט נאך ביי מיר". האט דער אראבער אים געענטפערט.

מען האט אפגעשמועסט א צייט און אן ארט וואו מען גייט עס קומען אפנעמען און נאר דאן האב איך זיך געכאפט וויפיל השגחה פרטית איז געווען געבינדן אין די מעשה.

די ערשטע זאך איז געווען אז איך האב אים אנגעפרעגט וואו ער וואוינט, אזוי האב איך כאטש געהאט עפעס אין מיינע הענט, אבער נאכמער ווי אלעם האט מיר באנומען אז אפילו אז עס איז מיר געווען באשערט עגמת נפש און דאגה, בין איך אפגעקומען מיט דעם, ווייל יום כיפור דארף מען נישט א שטריימל און ביז די יום טוב סוכות האב איך עס שוין צוריקגעהאט ביי מיר אין די האנט.

(דערציילט דורך דער בעל המעשה: צ.ש.ח.)

די פאראינטערעסירטע צו מיט טיילן מזכה זיין את הרבים מיט מעשיות פון השגחה פרטית זאל שיקן צו ר' שמחה סמואלס אין פקס: 15326517922

• § • § •

# זיין א מעביר על מידותיו - אין די ימי השובבי"ם

**שטייענדיג אין די הייליגע טעג פון שובבי"ם, ברענגען מיר דא א וואונדערליכע שמועס פון רבינו שליט"א, וואס איז איבערגעגעבן געווארן אין די ימי השובבי"ם, מיט א וואונדערליכע מעשה פון הרה"ק רבי דוד'ל לעלובער זיע"א, וועמענס יארצייט פאלט טאקע אויס אין די טעג, און פאלגנד וועלן מיר פאָרלייגן פאר די חשוב'ע ליינער, דעם טייערן מעשה צוזאמען מיטן לערנונג דערפון, ווי אונזער שטייגער.**

אין אט די שובבי"ם טעג, זוכן מיר א תיקון פאר די שווערסטע עבירות! די קדמונים האבן מתקן געווען תעניתים דערפאר, מיט פילע סיגופים און פייניגונגען, ווי באקאנט. מיר האבן אבער א קלארע גמרא וואס זאגט (ר"ה יז. יומא כג.): "כָּל הַמַּעֲבִיר עַל מִדּוֹתָיו, מַעֲבִירִין לוֹ עַל כָּל פְּשָׁעָיו"!

עס זענען דא דריי מדרגות: "חָטָאנוּ, עָוִינוּ, פָּשַׁעְנוּ". 'חָטָאנוּ' מיינט אז איינער האט געזינדיגט בשוגג, אומווילנדיג. 'עָוִינוּ', דאס מיינט אז ער פארדרייט זיין וועג צו א מזיד, לְתֵאָבוֹן, צוליב דעם פייער פונעם יצר הרע וואס ברענט אין אים. 'פָּשַׁעְנוּ' איז דער וועלכער איז א מוּמָר לְהַכְעִיס!

היינטיגע צייטן, זענען מערסטנס פון די עבירות זייער ווייט פונעם טיטל 'פֶּשַׁע', אפילו די גאר דערווייטערטע אזויגערופענע 'פרייע' אידן, און די שווערסטע בַּעֲלֵי תַּאֲווֹת, זענען נישט קיין ווידערשפעניגע להכעיס. דאס מערהייט פון זיי זענען אפילו אין כלל פון שׁוֹגֵג און ווי 'תִּינוֹקוֹת שֶׁנִּשְׁבּוּ'. אזעלכע וואס גייען אריין אינעם כלל פון פּוֹשְׁעִים און מוּמָרִים לְהַכְעִיס, א בחינה פון 'יוֹדֵעַ אֶת רִבּוֹנוֹ וּמִתְכַּוֵּן לִמְרוֹד בּוֹ', איז נישט אזוי לייכט צו געפינען.

און דא, ביי איינער וואס איז מַעֲבִיר עַל מִדּוֹתָיו, זאגן חז"ל "עַל כָּל פְּשָׁעָיו!" אז מען איז אים מוחל אויך אויף די שווערסטע זינד! אויב אזוי, דארפן מיר נישט זוכן קיין סיגופים, תעניתים און גִּלְגּוּלֵי שֶׁלֶג, אינדערצייט וואס מיר האבן דעם בעסטן תיקון, וואס דאס איז צו זיין א מַעֲבִיר עַל מִדּוֹתָיו!

• • •

אין די שטאט 'לעלוב' אין פוילן שֶׁל מַעְלָה, האבן געוואוינט צוויי אידישע פריינט וועלכע האבן זיך זייער שטארק ליב געהאט. דורכאויס די יארן האט זיך זייער פארבינדונג נאכמער פארשטארקט, ביז זיי פלעגן דערציילן איינער פארן אנדערן אפילו די אפגעהיטנסטע סודות, און זיך דורכגערעדט אין אלע זייערע געשעפטן און אנדערע לעבנס אנגעלעגנהייטן.

וַיְהִי הַיּוֹם, האט זיך דער שטן אריינגעמישט צווישן זיי, ווי זיין שטייגער איז אלעמאל, וועלנדיג צושטערן דאס אחדות און שלום. א גרויסע פייער פון קריגעריי איז צופלאקערט געווארן צווישן זיי, רחמנא ליצלן, ביז איינער פון זיי איז געווארן א גרויסער שונא פארן אנדערן, און אנשטאט דעם וואס ביז דעמאלטס האט ער אים אזוי שטארק ליב געהאט, האט ער אים יעצט שטארק מקנא געווען און פיינט געהאט, מיט א קנאה און שנאה וואס האט געברענט ווי פייער!

ער האט אנגעהויבן רודפ'ן זיין אמאליגן חבר, און אים גענומען לאקערן מיט אלע סארטן וועגן. וויסנדיג אלע סודות פון זיינע געשעפטן און אלע זיינע השקעות, איז ער געגאנגען און קאליע געמאכט זיין הצלחה אויף טריט און שריט, פארשאפנדיג אים געפערליכע צער. עס איז אנגעקומען דערצו, אז אין יעדער זאך וואס ער האט נאר געלייגט א האנט, האט עס זיין געוועזענער חבר גלייך צושטערט, און אים נאכגעלאקערט אין יעדן ווינקל אים צו שטרויכלען און אונטערברענגען.

זעענדיג ווי זיין פרישער שונא גיסט אויס אויף אים זיין גאנצע שלעכטס, און ער האט נישט קיין שום וועג פטור צו ווערן פון אים, האט ער נישט געהאט קיין אנדערע ברירה, און האט זיך געמוזט מזכיר זיין מיט זיין געוואלדיגע צרה, ביי זיין הייליגן רבי'ן, רבי דוד'ל לעלובער זי"ע. דער רבי האט איבערגענומען פון אים דעם קוויטל, און האט אים גלייך בארואיגט און געטרייסט מיט זיינע זיסע רייד און באוואוסטע ענוה, זאגנדיג אז ער זאל גארנישט טון! נאר מקיים זיין דאס וואס די הייליגע חז"ל האבן אונז באפוילן, צו זיין א מַעֲבִיר עַל מִדּוֹתָיו! פשוט שלינגען און שווייגן, און מער נישט! און מיט די רייד, האט ער אפגעזעגנט דעם חסיד לשלום.

א שטיק צייט איז דורכגעגאנגען, און דער שונא האט געזען אז זיין חבר, דער נִרְדָּף, מאכט זיך גארנישט וויסנדיג. נישט נאר נעמט ער נישט קיין נקמה אין אים, נאר אויך ווייזט ער נישט קיין שום צייכנס פון צארן. דאס איז געווען וויבאלד ער האט געטריי אויסגעפירט דעם רבי'נס באפעל, אז ער זאל זיין א מַעֲבִיר עַל מִדּוֹתָיו. אבער דער עיקר וואס דער שונא האט געוואלט, איז דאך געווען אז זיין אמאליגער חבר זאל ווערן 'אויפגערעגט', און ער זאל אים קענען 'ארויסנעמען פון די כלים', זעענדיג ווי ער פייניגט זיך און קען נישט צו זיך קומען פון גרויס כעס.

וויבאלד דאס איז אבער נישט געשען, האט ער אנגעהויבן נוצן מער ביטערע מיטלען, און אים גענומען פייניגן מיט גאר שווערע צרות, אז ער זאל עס מוזן גוט שפירן אויף זיינע ביינער, רחמנא ליצלן! זאל קיינער חלילה נישט האבן דעם נסיון, אבער ווען עס צופלאקערט זיך דער שרעקליכער שטן פון שנאת חנם און מחלוקת, ווערט ער ווי א ברענענדיגע פייער, השם ישמרנו!

ווען דער נִרְדָּף האט געשפירט אז עס איז שוין ממש בָּאוּ מַיִם עַד נָפֶשׁ, און ער איז שוין נישט אימשטאנד צו פארנעמען אזעלכע געפערליכע צרות און רדיפות, איז ער נאכאמאל אריינגעגאנגען בַּקֹּדֶשׁ פְּנִימָה ביים הייליגן צדיק. דארט ביים גרויסן אוהב ישראל, האט ער אפגעלאדנט זיין צובראכן הארץ, און אויסגעפלאצט אין א שרעקליכע געוויין, נישט קענענדיג זיך בארואיגן פון די אלע פיין און מיטמאכעניש וואס זיין געוועזענער 'חבר' טוט אים, און ער האט גע'טענה'ט פארן רבי'ן אז ער קען שוין נישט שטיין אין דעם! עס איז שוין אנגעקומען דערצו, אז יענער לאזט נישט פאר אים קיין טריט אדער שריט אן אים צו נאכלאקערן מיט גרויס צארן, ער טוט אים פשוט אויסצאפן דאס בלוט!

דער רבי האט אים געשטארקט און געמוטיגט כְּדַרְכּוֹ בַּקֹּדֶשׁ, אים בארואיגנדיג מיט ווייכע רייד, ער האט אבער גארנישט געטוישט פון זיין פריערדיגע באפעל. מיינע פריערדיגע רייד, האט דער רבי געזאגט, וועל איך האלטן, אז דו זאלסט גארנישט רעאגירן, זאל זיין וואס זאל זיין, גארטל זיך אן מיט א געוואלדיגע גְּבוּרַת הַנֶּפֶשׁ, און זאלסט אנגיין מיטן וועג פון מַעֲבִיר עַל מִדּוֹתָיו, און זיי מקיים דאס וואס די הייליגע גמרא זאגט (יומא כג.): "הַנֶּעֱלָבִין וְאֵינָן עוֹלְבִין, שׁוֹמְעִין חֶרְפָּתָן וְאֵינָן מְשִׁיבִין, עוֹשִׂין מֵאַהֲבָה וּשְׂמֵחִין בְּיִסּוּרִין, עֲלֵיהֶן הַכָּתוּב אוֹמֵר (שופטים ה, לא) וְאֹהֲבָיו כְּצֵאת הַשֶּׁמֶשׁ בִּגְבֻרָתוֹ"!

וואס זאל איך אבער טון וועגן פרנסה? האט דער איד געפרעגט מיט א צובראכן הארץ. עס איז שוין א לאנגע צייט וואס איך ברענג נישט אהיים קיין פרוטה! וואס איך האב נאר פראבירט צו טון, האט מיין געוועזענער חבר אלעס צושטערט. מיין קינדערלעך בעטן ברויט, און איך האב נישט וואס זיי צו געבן!

הערנדיג די ווערטער, האט דער רבי געהאט גרויס צער, זיין הארץ איז אים צובראכן געווארן, אויפן געוואלדיגן צער פון א אידיש קינד. און נאכמער, אויפן צער פון די שכינה הקדושה, וועלכע איז דערנידערט ביז צו די ערד, און וויינט און קלאגט אין באהעלטעניש איבער עִנְיָנִים שֶׁבֵּין אָדָם לַחֲבֵרוֹ, וואס כידוע טוט דאס איר וויי און שאפט איר צער מער ווי אלעס אנדערש.

און אט האט דער איד ארויפגעברענגט א געדאנק: אפשר זאל איך פארן קיין ווין, וואו איך וועל בעטן די הילף פון אַחֵינוּ בְּנֵי יִשְׂרָאֵל, רַחְמָנִים בְּנֵי רַחְמָנִים, מעגליך וועט מיר דארט געלונגען צו זאמלען עטליכע שיינע נדבות, און כאטש קענען שפייזן מיין הויזגעזינד דערמיט פאר עטליכע חדשים.

הערנדיג די רייד, האט דער רבי צוגעשטימט צום געדאנק, און אים געוואונטשן אז ער זאל מצליח זיין אין אלע ענינים אין די הויפטשטאט, ווין.

איידער דער חסיד איז ארויסגעגאנגען פונעם רבי'נס הויז און באקומען דעם ברכת הדרך, האט ער נאכאמאל אויסגעבראכן אין א געוויין, און מיט א צובראכן הארץ האט ער געבעטן א ספעציעלע ברכה, זאגנדיג אז עס איז ביי אים נישט קיין ספק, אז ווען זיין אמאליגער חבר וועט הערן אז ער איז געפארן קיין ווין צו זאמלען נדבות, וועט ער אים רודפ'ן אויך דארטן, און קאליע מאכן זיין נאמען אויף אלע מִינֵי וועגן, און דעריבער האט ער מורא אז אויך אט די עצה וואס ער וויל טון, וועט אויך חלילה צוגרונד גיין...

דער רבי האט אים אבער מחזק געווען, און אים געלאזט הערן פילע רייד פון חיזוק און ליבשאפט, און אים געבעטן אז ער זאל נישט נעמען די זאך צום הארצן, נאר זיך פארזיכערן אינעם אויבערשטן, כְּדַרְכָּם שֶׁל חֲסִידִים! און שטיין פעסט אנטקעגן אלע שטערונגען. און דא האט דער רבי אים נאכאמאל דערמאנט, אז ער זאל שטענדיג געדענקען דעם ענין פון מַעֲבִיר עַל מִדּוֹתָיו וואס מען האט אפגעשמועסט! אז נישט קיין חילוק וויפיל מען וועט אים רודפ'ן און וואס עס וועט נאר פאסירן מיט אים, זאל ער שטענדיג פארקוקן, און זיין פון די נֶּעֱלָבִין וְאֵינָן עוֹלְבִין!

מיט א שווערע הארץ האט זיך דער איד אויפגעהויבן, און זיך ארויסגעלאזט אינעם ווייטן וועג צום הויפטשטאט ווין. ווי א געטרייער חסיד האט ער אנגענומען די ווערטער פונעם רבי'ן בתמימות, און נישט מהרהר געווען אַחַר מִדּוֹתָיו יִתְבָּרַךְ שְׁמוֹ.

אנקומענדיג קיין ווין, האט ער מיט שוועריגקייט געשאפט א פאר הונדערט רובל, צוזאמגעשטעלט פון קליינע נדבות דא און דארט. מער פון דעם האט ער נישט געקענט באקומען, אפילו פון די גרויסע עשירים... נישט האבנדיג מער וואס צו טון אינעם גרויסן שטאט, האט ער זיך אויסגעדרייט און אנגעהויבן צוריק אהיימפארן קיין לעלוב.

זייענדיג אונטערוועגנס, האט ער זיך אויפגעהאלטן ביינאכט ביי איינע פון די גאסטהייזער, אין א פארוואקטן שטעטל וואו עס זענען נישטא קיין אידן. ווי נאר ער איז אריינגעגאנגען אין זיין צימער, און האט מסדר געווען זיינע זאכן, האט ער פלוצלונג באמערקט, אז אונטערן בעט געפינט זיך א גרויסער רענצל! ער האט געעפנט דעם רענצל און צו זיין גרויסן וואונדער איז דארט געווען ריזיגע אוצרות, עס איז פול געווען מיט זייער אסאך באנקנאטן וועלכע זענען דארט געלעגן זייער מסודר'דיג. דאס איז געווען ממש א הון תּוֹעֲפוֹת, פון פילע מיליאנען!

דער איד האט געטראכט צו זיך, אז דא קומען דאך בכלל נישט אן קיין אידן, און די וועלכע קומען דא נעכטיגן זענען דאך גּוֹיִם גְּמוּרִים! זיכער איז דאס פארלוירן אדער גע'גנב'עט געווארן פון עפעס א פריץ וועלכע איז א שׂוֹנֵא יִשְׂרָאֵל, אויף וועמען עס איז דא דער דין פון "מוֹרִידִין וְלֹא מַעֲלִין", און מען קערט אויך נישט צוריק זיינע אֲבֵדוֹת (זע עבו"ז כו: און שו"ע יו"ד סי' קנ"ח ונו"כ). האט ער געעפנט דעם רענצל, און צוגעלייגט זיינע קליין פעקל געלט וואס ער האט געזאמלט

המשך אין עמוד ד' <

מיט גרויס מִיה אין ווין, און דאס רענצל איז געווארן זיינס...

אויפצומארנס אינדערפרי, איז דער איד אויפגעשטאנען פרי ווערלנדיג פארזעצן זיין וועג, נאר דא האט ער באמערקט אז דער גאנצער ארט איז ארומגערינגלט מיט מחנות פון פאליציאנטן און סאלדאטן מיט א שטרענגע געזיכט, וועלכע טוען אונטערזוכן אלע פעקלעך פון יעדער איינער וואס גייט ארויס פונעם גאסטהויז. א גרויסער שרעק איז אים אנגעפאלן, ער האט גוט פארשטאנען וואס מען זוכט... דער פריץ דער רשע וועלכער האט פארלוירן זיין רענצל דא אינעם גאסטהויז, זוכט עס...

דער איד האט זיך געשטארקט און מתפלל געווען צום אויבערשטן אז ער זאל אים געבן כוחות הנפש, און ער האט זיך ארויסגעלאזט אין וועג מיט זיכערע טריט, זיך פַארשטעלנדיג ווי א רייכער עושר וואס פארט ארום איבער די וועלט פאר זיינע געשעפטן... אנקומענדיג צום טויער, האבן די פאליציאנטן גלייך געזען זיין רענצל, און לויט אלע סימנים וואס דער פריץ האט זיי געגעבן אויף זיין רענצל, איר קאליר און פַארעם, האבן זיי גלייך אויסגערופן אז מען האט געפינען דעם פארלוירענעם רענצל, ביי א איד אין דער האנט!

דער מענטש האט אבער פעסט אפגעשלאגן דעם גאנצן בלבול... און זיך געמאכט ווי ער פארשטייט נישט וואס מען וויל פון אים, וועלכע פארלוירענע רענצל? דאס איז דאך מיין רענצל, מיט וועלכע איך פאר ארום צו יעדן ארט!

ער איז געפירט געווארן, געבינדן אין קייטן, אויף אן אויספארשונג, און דער הויפט פארשער האט אים גענומען אויספרעגן אויף אלע זייטן - פון וואו קומסטו, וואו גייסטו, און אזוי ווייטער. דער איד האט אים אבער געענטפערט מיט גרויס חשיבות ווי א ריזיגן גביר... איך וואוין אינעם קליין שטעטל לעלוב, אבער מיינע פילע געשעפטן זענען צושפרייט איבער פילע ערטער אין די וועלט. אצינד קום איך פונעם הויפטשטאט ווין, וואו איך בין געפארן צוליב מיינע פילע געשעפטן... דארט האב איך זיך באגעגנט מיט פילע אידן מיט וועם איך טו האנדלען, און איך האב ברוך השם געמאכט גוטע געשעפטן! דא אין מיין רענצל טראג איך אלע פארדינסטן.

אין יענע צייטן, נאך איידער מען האט אויפגעשטעלט די בענק, איז נישט געווען אזוי ווי היינט, וואס מען לייגט אריין גרויס־געלט אין באנק, דעריבער פלעגן די עשירים טראגן מיט זיך ריזיגע סומעס געלט, ווען זיי פלעגן ארומפארן האנדלען.

נאכן זיך דורכרעדן צווישן זיך, האבן די פארשער באשלאסן, אז מען וועט זען פונקטליך וויפיל געלט עס געפינט זיך אינעם רענצל. אויב וועט מען געפינען אז עס האט דעם פונקטליכן סומע וואס דער פריץ האט זיי געזאגט, טענה'נדיג אז ער האט מסדר געווען זיינע באנקנאטן מיט פונקטליכע אפגעציילטע פעקלעך! מוז דאך זיין אז דאס איז די פארלוירענע רענצל. אבער אויב וועט מען זען אז דער סומע איז נישט פונקטליך, דעמאלטס וועט מען מוזן נאכפארשן איבער דעם רייכן עושר, און זיכערמאכן אז ער זאגט די אמת!

אויפן ארט האט מען געפונט דעם רענצל, און א גרופע סאלדאטן האבן זיך אוועקגעזעצט און גענומען ציילן דעם ריזיגן סומע וואס האט זיך געפינען אינעם רענצל, און געזען אז עס געפינט זיך אינעם רענצל א פאר הונדערט רובל מער... [וויבאלד דער איד האט צוגעלייגט דערצו די סומע פון די נדבות וואס ער האט צוזאמגעקליבן אין ווין].

הערנדיג דאס, האט דער הויפט געזאגט: אויב אזוי, דארפן מיר אויספארשן איבער דיר אין דיין שטעטל! גלייך האט זיך דער פארשער ארויסגעלאזט מיט א שנעלן פערד און רייטער קיין לעלוב, וואו ער האט באגעגנט א איד, און זיך גלייך נאכגעפרעגט אויף דעם איד מיטן רענצל, וואס ער טוט און מיט וואס ער האנדלט, זאגנדיג: איך מוז ממש וויכטיג וויסן פון דער נאנט איבער אלע זיינע פארצווייגטע געשעפטן.

יענער איד האט אבער גע'טענה'ט אז ער קען אים נישט גענוג גוט. און ער האט געזאגט צום פארשער, אז דא אין שטעטל איז דא א איד וועלכער קען אים זייער גוט! ביי אים קען מען באקומען די פונקטליכסטע אינפארמאציע, וויבאלד ער ווייסט אלע זיינע באהאלטנסטע סודות! און האט אויסגעפירט, אז מען זאגט אין שטעטל, אז עס איז נישטא נאך איינער וואס ווייסט אלע זיינע באהאלטענע אוצרות, אזוי ווי ער! און דערביי האט ער אים געשיקט צו יענער חבר, וועלכער איז לעצטנס איבערגעדרייט געווארן צו זיין גרעסטער שונא!

הערנדיג דאס, האט דער פארשער געטראכט צו זיך, אז דאס איז די בעסטע אדרעס זיך נאכצופרעגן איבער דעם איד, און וויסן פונקטליך צי ער איז טאקע א גרויסער עושר אדער נישט. איז ער געגאנגען צו יענעם, און געבעטן אז ער וויל קלארמאכן ביי אים אויף זיין גוטן חבר וועלכער איז לעצטנס געפארן קיין ווין, וואס איז זיין מצב הפרנסה...

דער געוועזענער חבר, הערנדיג די רייד, האט געמיינט אז די פאליציי ווילן קלארמאכן צי ער איז באמת ווערד אז מען זאל אים געבן צדקה... זעט אויס אז מען איז אים חושד אז ער מאכט זיך, און איז נישט באמת אן ארימאן, מסתמא האט אים איינער פאר'מסר'ט, און דערפאר האט מען געשיקט א חוקר צו זען אויב מען זאל אים לאזן קלויבן נדבות... - יעצט, האט ער געטראכט צו זיך, האב איך די בעסטע געלעגנהייט אים צו פארשאפן צער און עגמת נפש...

גלייך האט דער שונא געעפנט זיין מויל און געזאגט: דער מענטש, איז א גרויסער עושר! עס איז ממש אן עוולה אים צו געבן צדקה! ער האט פארצווייגטע געשעפטן אין די גאנצע וועלט! און ער דרייט זיך אין אסאך פלעצער צוליב זיינע געשעפטן. גלייב מיר, איך ווייס פון דער נאנט איבער אלע זיינע סודות און אוצרות, דו וועסט נישט טרעפן נאך איינעם וואס ווייסט איבער אים אזוי ווי מיר... ער איז א ריזיגער עושר, און מען טאר אים נישט געבן אפילו א פרוטה פאר צדקה!

דער פארשער איז גלייך צוריקגעקומען מיט די פונקטליכע איינצלהייטן, וואס ער האט געהערט פון גאר א גוטן קוועלע... אז דער מענטש איז טאקע א גרויסער עושר, און ווי עס זעט אויס באלאנגט טאקע דער רענצל צו אים, אזוי ווי ער זאגט!

אזוי איז דער איד ארויסגעגאנגען בִּרְכוּשׁ גָּדוֹל וְעָצוּם, פאר אים און פאר זיינע דורות נאך אים, אויף אזוי ווייט אז מען פלעגט זאגן אז דאס גאנצע שטעטל לעלוב און די ארומיגע געגנטער האבן באלאנגט צו אים, דורך זיין געוואלדיגע רייכקייט!

אין זכות וואס ער איז געווען א מַעֲבִיר עַל מִדּוֹתָיו, האט ער זוכה געווען צו א געוואלדיגע עשירות בגשמיות און אויך ברוחניות, וויבאלד עס איז דאך מַעֲבִירִים לוֹ עַל כָּל פְּשָׁעָיו!

נישט אומזיסט איז מקובל פונעם הייליגן אר"י הקדוש, אז אויב וואלטן מענטשן געוואוסט ווי גרויס איז די כפרה און ווי געוואלדיג איז די זכות צו וועלכע מען איז זוכה דורכן זיין א מַעֲבִיר עַל מִדּוֹתָיו, וואלט יעדער איינער געלאפן זוכן בזיונות...

דאס איז איינער פון די זאכן וואס אָדָם אוֹכֵל פֵּרוֹתֵיהֶם בָּעוֹלָם הַזֶּה וְהַקֶּרֶן קַיֶּמֶת לְעוֹלָם הַבָּא! און איז א וואונדערליכער תיקון פאר אט די מסוגל'דיגע טעג פון די שובבי"ם, מיטן אויבערשטנ'ס הילף.

[מתוך שיחה לימי השובבי"ם - כ"א טבת תשע"ב]




## על הברכה יעמדו


ניתן להנציח את העלון לשמחות, לברכה והצלחה או ליארצייט | התורמים להפצת העלון | לקבלת העלון במייל (דוא"ל) נא לשלוח למייל המצו"ב


לע"נ הרב יעקב מיכאל זצ"ל בן החבר הרב ר' ישראל זצ"ל

יוסף בן טילה רחא לרפואה שלימה

האחים היקרים העומדים תמיד לימין רבינו הרב יהודה בן שרה שיינדל והרב שאול יחזקאל בן שרה שיינדל וכל משפחתם - להצלחה בכל העניינים

שרה שיינדל בת טילה רוזה להצלחה בכל העניינים

לע"נ מרת חיה סאסא בת לאה נלב"ע י' סיון תנצב"ה.

לע"נ הבחור שמואל מאיר ז"ל בן יבלחט"א רבי ישראל יצחק נלב"ע י"ח כסלו תנצב"ה.


גרפצ'יק טל: 02-5002321

קשת הרשת 02-6257948

גל-פז



יו"ל ע"י קהילת שבתי בבית ד' | רח' ישעיהו 7 ירושלים טל: 078-3331109 05276-10455 | shivti11@gmail.com

יהודי יקר! אל תחזיק טובה לעצמך, הנך מוזמן להדפיס ולהפיץ את העלון באזור מגוריך ולהיות שותף לזיכוי הרבים. המעוניינים יקבלו את העלון במייל (אפשר גם ישירות לדפוס) בקובץ להדפסה.

Anyone Interested in receiving Tiv Hakehila weekly in Hebrew or English should Email – Sheldon@hpins.net Or | zeligk@gmail.com or text 718-249-7173